1992

מיכל גיא/ ירושלים

# "ווי דער אַקער פֿון וואָר"

## אַבֿרהם רינצלערס פּאָעטישע שפּראַך

פֿאַראַן פּאָעטן, וואָס בעתן זוכן זייער אמת, ווערן זיי אַנטשוויגן. וועגן אַ סך פֿון זיי וויסן מיר גאָרנישט, ווײַל זיי האָבן טאַקע גאָרנישט, צי כּמעט גאָרנישט ניט באַוויזן אָנצושרײַבן. קענען זיי ניט זײַן קיין טעמע פֿאַר אַן אַקאַדעמישער קאָנפֿערענץ.

וועגן אַבֿרהם רינצלערן קען מען אָבער יאָ רעדן. איידערן אַנטשוויגן ווערן, האָט ער באַוויזן אָפּצודרוקן מער ווי דרײַסיק לידער, צווישן זיי עטלעכע לידער־ציקלען. אַחוץ דרײַ, זענען זיי אַלע געדרוקט געוואָרן צווישן 1947 און 1957.

דאָס ערשטע ליד זײַנס איז געווען געדרוקט אין בוקאַרעשטער זאַמלביכער, אַ זאַמלונג וואָס די לעבן־געבליבענע שרײַבערס אין רומעניע האָבן אַרויסגעגעבן נאָכן חורבן. אין 1949 איז ער עולה געווען, און אין 1951 איז ער איינער פֿון די גרונטלייגערס פֿון דער גרופּע יונג־ישׂראל, און רעדאַקטאָר פֿון די דרײַ זאַמלהעפֿטן, וואָס די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן, אין 1954, 1956 און 1957. כּידוע, האָט דער אַמאָליקער "יונג־ווילנער" אַבֿרהם סוצקעווער געלייגט דעם יסוד פֿון דער גרופּע "יונג־ישׂראל", כּדי די נײַ־אָנגעקומענע יונגע שרײַבערס זאָלן האָבן אַ סבֿיבֿה פֿאַר זייער שאַפֿערישקייט[1].

יונג־ישׂראל האָט ניט פֿאַרמאָגט אַן איין־און־איינציקע ליטעראַריש־אידעאָלאָגישע ריכטונג. אירע מיטגלידער האָבן זיך געלאָזט אויף פֿאַרשיידענע וועגן. געווען צווישן זיי שרײַבערס, וואָס האָבן שוין געהאַט געדרוקט ביכער אין די פֿריִערדיקע יאָרן, און כּמעט אַלע האָבן אַרויסגעגעבן ביכער אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַבֿרהם רינצלער האָט ביז הײַנט קיין בוך ניט אַרויסגעגעבן.

קריטיקערס וואָס האָבן זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו זײַנע לידער, האָבן אים אָפּגעשאַצט ווי דעם אומרויִקסטן מאָדערניסט פֿון דער גרופּע. בעת אַזאַ מאָדערניסטישער פּאָעט ווי יעקבֿ גלאַטשטיין האָט דורכגעמאַכט אַ שינוי־ערכין אין פּאָעטישן וועג, אונטער דער השפּעה פֿון חורבן, האָט רינצלער, הגם ער אַליין אַ געראַטעוועטער פֿון אומקום, געגלייבט אין אַן אולטראַמאָדערניסטישער פּאָעזיע, אַן אָפֿענע פֿאַר אַלע קולטור־שפּראַכן.

דאָס מיינט ניט, אַז די חורבן־טעמע און די אַמאָליקע היים זענען בײַ אים ניט פֿאַראַן. נאָר זיי שווימען אַרויף, דאָ און דאָרטן, ווי די "פֿאַרבלאָנדזשעטע מתים" פֿון זײַנס אַ ליד. זיי געשטאַלטיקן זיך מיט אַ מערקווערדיקער דיסטאַנצירונג און — דאָס איז וויכטיק צו באַטאָנען — כּמעט שטענדיק ווי אַ פֿונקציע פֿון זײַן פּרוּוו זיך אַליין אָפּצוזוכן.

די שרײַבערס פֿון דער שארית־הפּליטה, די נײַ־אָנגעקומענע, שטייען דאָ בײַם טויער פֿון אַ רעאַליזירטן חלום. אין צבֿי אײַזנמאַנס אַ ליד, געדרוקט אין נײַוועלט, בעט ער בײַ

דער שיף, וואָס דאַרף אים אַוועקפֿירן אין אויסגעבענקטן לאַנד, זי זאָל זיך פֿאַרזאַמען, כּדי דער חלום זאָל נאָך אַ ווײַלע געדויערן. ס׳רובֿ לידער, וואָס אָט די שארית־הפּליטה־פּאָעטן האָבן דעמאָלט געשריבן, באַזינגען די פֿאַרבינדונג מיט דער נײַער ערד און מיט דער רעאַליטעט פֿון דער מדינה, וואָס האַלט זיך אין בויען.

בײַ אַבֿרהם רינצלערן זענען ניטאָ די אייפֿאָרישע טענער. שוין זײַנע ערשטע לידער, נאָך אָן דער שפּעטערדיקער "נײַ־אויגיקייט", זענען געצוימטע און קאָנצענטרירטע. אַפֿילו אינעם ליד ווו ער פּראָקלאַמירט זיך ווי אַ "נײַער אָדם", איז ער ניט הויכקלינגעוודיק:

ערד מיך געמענטשט און געבענטשט.
ערד.

("דאָס ייִדישע וואָרט", נײַוועלט, 1950.10.3)

און ווען ער געשטאַלטיקט זײַן באַגײַסטערטע פֿאַרבינדונג מיט "מאַמע ערד", פֿאַרגעסט ער ניט אין דער פֿילפֿנימדיקייט פֿון איטלעכער פֿאַרבינדונג. ער שרײַבט:

מיט איר וועל איך גרינען, גרויען און גורלען.

(דאָרטן)

אין ליד "שותּפֿות", געהייליקט "מײַן פֿרײַנד פֿון תּימן", רירט ער אָן דעם פּראָצעס פֿון קיבוץ־גלויות, מיט וועלכן דער דור זײַנער פֿאַרמעסט זיך. דער פּאָעט משה יונגמאַן באַזינגט אין יענער תּקופֿה מיט התלהבֿות דעם ברידערלעכן צונויפֿטרעף; יעקבֿ פֿרידמאַן דערקענט אין דעם נײַ־געבוירענעם תּימנער קינד די מיטישע ווידערגעבורט פֿון די אָבֿות. אַבֿרהם רינצלער טרייסלט אָבער אָפּ פֿון זיך דעם מיטאָס:

דײַן גאָט איז אויך מײַן גאָט און וואָס נאָך,
וואָס נאָך ווייס איך פֿון דיר?
קען איך דעם טעם פֿון דײַן קללה,
צי ווייס איך דעם סוד
וואָס פֿאַרשווינדט אינעם תּהום
פֿון אָטעם־אָפּהאַק
אין דײַן מידבר־ליד?

דײַן שטוב איז לעם מײַן שטוב און וואָס נאָך,
וואָס נאָך ווייס איך פֿון דיר?

דאָס ליד "שותּפֿות" איז באַהערשט פֿון פֿרעגצייכנס. דער פּאָעט שטעלט אונטער אַ פֿרעגצייכן דעם עצם טיטל "שותּפֿות".

דאָס אַראָפּטרייסלען פֿון זיך דעם מיטאָס איז בולט בפֿרט אין רינצלערס מאָדערניסטישע לידער. זײַן קוק ווערט דאָרטן דערוועגטער און פֿאַרטיפֿטער. אין דעם ליד "פֿליִענדיקער טעפּיך" ווײַזט ער ווי אַזוי מע שאַפֿט מיטאָסן אין דער געשיכטע:

דו, פֿליִענדיקער טעפּיך,
ביסט פֿאַרט ניט מער,
ווי אַ טאָגטרוים־שוידער
פֿון אַ פֿאָלק אַ טעאַטראַליש.

אַ גראָע נעפּל־מוזיק
איז אונדזער געשיכטע.

(די גאָלדענע קייט נומ׳ 1952,11)

רינצלערס טאָן ווערט ביז גאָר אַגרעסיוו, ווען ער ווענדט זיך קעגן די אײַנגעשטעלטע נאָרמעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, סײַ די פֿאָרמעלע, סײַ די אידעאָלאָגישע. איך מיין דאָס ליד ״אינסקריפּציע״, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

עס קענען פּיסיקע פֿערזן
פֿון אַ ייִדישן ליד,
די ריטמישע טרעפּ
צו אַ וואָרטיקן הימל
באַטרעטן נאָר דעמאָלט
אויב שטעקשיך
פֿון מזמור,
געפּיטערטע זענען
מיט וואָליק־פֿאַרצניִעטע גראַמען,
מיט צאינה־וראינה געשפּונענעם טראַף.

אָ, איר סטאַדעס ליד־פּאַטריאַרכן — —

(יונג־ישׂראל, 1954)

רינצלער וויל ניט קיין ליטעראַטור, וואָס זאָל זיך פֿאַרשפּאַרן אין וואַרעמע, היימישע ד׳ אמות.

ווען די גאָלדענע קייט האָט אָפּגעצייכנט ״דרײַסיק יאָר יונג־ישׂראל״ (צוריק מיט צען יאָר), האָט אַבֿרהם רינצלער זיך באַטייליקט אין זשורנאַל מיט אַ ליד, וואָס הייסט ״VALE״, די פֿאָרמל מיט וועלכער מע פֿלעגט פֿאַרענדיקן אַ בריוו אויף לאַטיין. אויף ייִדיש מיינט עס: זײַ געזונט. אין אָט דעם כּלומרשטן געזעגענונג־בריוו, נאָך דעם ווי ער האָט פֿינף און צוואַנציק יאָר געשוויגן, שטעלט ער זיך פֿאָרט אַוועק צווישן פּאָעטן, אויפֿן ״גרויסן טרעף״:

וואָס פֿאַר אַ בשׂורות
וועל איך דאַנטען און לייוויקן
ברענגען
בײַם גרויסן טרעף
פֿון מײַסטער און דילעטאַנטן?

(די גאָלדענע קייט 108, 1982)

אין איין אָטעם ווערן אין דער שורה פֿאַראייניקט דאַנטע און לייוויק. אין אַן אַנדער סטראָפֿע פֿון ליד, פֿאַרבינדן זיך אין אַ גאָר פּלאַסטיש בילד דער "אַרכאַישער פּעגאַסוס" מיט "אַ נייַעם פֿייַער־וואָגן". אויפֿן וועג צו די פּאָעטישע הימלען, שפּאַנען זיך איין גאָר באַזונדערע וועלטן: די גריכיש־רוימישע און די ייִדיש־פּאָעזיע שנייַדן דורך די גרענעץ צווישן קולטורוועלטן און אַלע שטחים שטייען צעפּראַלטע, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם מאָדערניסטישן עקספּאַנסיוון אימפּולס.

דער לאַטייִנישער נאָמען "VALE" איז ניט קיין אויסנעם אין רינצלערס לידער. מיר געפֿינען בייַ אים: "אינסקריפּציע אויף אַ גלאָבוס", "קרעדאָ", "עפּילאָג", "טערראַ־סאַנטאַ", "אינטערמעצאָ", "PRELUDES". דער פֿרייַער דיאַלאָג מיט קולטורטעקסטן, איז בייַ אים ניט באַגרענעצט צו ליטעראַטור. ער רירט אויך אָן די שטחים פֿון מוזיק און מאָלערייַ. אין ליטעראַטור, ווו אָט דער דיאַלאָג איז פֿאַרצווייַגטער, קומט ער צום אויסדרוק ממש אין דירעקטע שמועסן מיט שרייַבערס, ווי למשל אין די לידער: "אליעזר שטיינבאַרג", "פּרץ מאַרקיש", "פֿראַנץ קאַפֿקאַ"; ער קומט אויך צום אויסדרוק אין ציטאַטן פֿון לידער, אָפּגעהאַקטע און איבערגעבויטע, און אין אַ רייַכער גאַמע פֿון אַלוזיעס, וואָס ווינקען אָן אויף טעקסטן פֿון דער ייִדישער און דער ניט־ייִדישער ליטעראַטור, און צווינגען אויף זיי אַרויף אַ צונויפֿפּאָר, וואָס האָט דעם כּוח פֿון אַ מעטאַפֿאָרישער קאָנדענסירונג. אַזוי למשל אין ליד "טערראַ־סאַנטאַ":

טעראַ־סאַנטאַ, מוטער פֿון גליקל־בת־שבֿע.
בינע פֿאַר ברוין־פּנימדיקע פֿיגורינען,
פֿון מידבר־מגילות אַרויסגעריטענע.
טעראַ־סאַנטאַ, ראָזשינקעס מיט מאַנגער
איבער אַלע דייַנע זאַמדן.

(יונג־ישׂראל, 1954)

אין ציקל "PRELUDES" לייענען מיר:

זיצן מיר בייַ די וואַסערן
פֿון סימעטרישן אָטעם
און וויינען [...]
ניט קיין ציון־מער
די מאַרמאָר־פֿרויען פֿון ראָדען;
ניט קיין היים־מער
דער מויער־מאַנטל פֿון חלום;
ניט מער — ניט מער —

(דאָרטן)

"זיצן מיר בייַ די וואַסערן און וויינען" — דערמאָנט אין דעם באַקאַנטן קאַפּיטל תּהילים, און "ניט מער... ניט מער", בייַם סוף, — דעם רעפֿרען פֿון עדגאַר עלען פּאָס ליד "דער ראָב". די וועלט ווערט צונויפֿגעשטעלט מיט ליטעראַרישע טעקסטן. רינצלער

באַניצט פֿאַרשיידענע "קינסטלערישע שפּראַכן", כּדי צו בויען זײַן אוניווערסאַל־פּאָעטישע שפּראַך. ער רופֿט דאָס וואָרטשאַפֿט, וואָס דאַרף זיך דערוווײַטערן פֿון געערדטן ייִדיש, פֿון "לשון־מאַמע־קודש" — ווי ער זאָגט — כּדי עס זאָל דורך דעם געבוירן ווערן אַ נײַער, אַנדערער קוק[2].

אַ סך פּאָעטן האָבן געחלומט אָט דעם חלום. די "נײַ־אויגיקייט" שטעלט אַוועק אויף אַ נײַ און ניט־געוויינטלעך אָרט דעם מענטש וואָס קוקט, און דעריבער טרייסלט זי אַראָפּ דעם מיטאָס. די נײַ־געשאַפֿענע "וואָרטשאַפֿט" וויל עפֿענען פֿאַרן פּאָעט דעם וועג צו זײַן אמת. די וואָרטשאַפֿט איז ניט בלויז אַ מיטל פֿאַרן פּאָעט, זי איז אויך זײַן אַדרעסאַט.

רינצלער מאַכט אין זײַנע לידער אַן אומברחמנותדיקן דין־וחשבון. ער פֿאַרמעסט זיך מיט פּראָבלעמען וועגן זײַן אין דער וועלט, אין דער צײַט — אין דער היסטאָרישער צײַט — און וועגן די אייגענע טיפֿענישן זײַנע. עס חזרן זיך איבער אין זײַנע לידער די ווערטער "אָן אַ פּנים, אָן אַ נאָמען", וואָס ווײַזן אָן אויפֿן מקור, פֿון וואַנען עס ציט זיך דער באַגער צו געפֿינען. ווערטער ווי "אויסשיילן זיך", "נאַקעט זײַן", "געשטאַלט", "שפּיגל" און בפֿרט "דנאָ־דנאָען", בויען אַ סעמאַנטישע פּאַראַדיגמע בנוגע אַ פֿאָדערונג וואָס איז ניט מוותר, נאָר ציט ווײַטער און טיפֿער צו אַן אמת, וואָס איז שווער צו דערגרייכן. איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס אויך דעם לייענער איז שווער דאָס צו דערגיין.

אָט ווי אַזוי עס קומט צום אויסדרוק רינצלערס "וואָרטשאַפֿט" אין ליד "אַספּעקטן".

צעטרייסלט מײַן טוונג
ווי דער זאַמד פֿון זייגער
ביים ברי פֿון שאָס
צעטרייסלט מײַן טוונג
ווי דער דנאָ פֿון אויג
בײַ פֿאַרשטיינערטע צונגען

דורכזיכטיק מײַן טוונג
ווי דער אָטעם פֿון קין
אין דער ברוסט פֿון מײַן ברויט
דורכזיכטיק מײַן טוונג
ווי דער אַקער פֿון וואָר
אין דעם סטעפּ פֿון מײַן שאָטן

אויסגעטאָן מײַן טוונג
ווי מײַן דור פֿון זײַן וואָרצל
ווי דער חלף — פֿון זײַן מאַנטל
אינעם מוח פֿון מײַן יורש.

(יונג־ישׂראל, 1954)

ניט ווינציק לידער בויט רינצלער מיט אַנאַפֿאָרישע קאָנסטרוקציעס אָדער רעפֿרענען, ווי גלײַך די ווערטער וואָס חזרן זיך איבער וואָלטן צונויפֿגעבונדן פֿאַרשיידן־מיניקע עלעמענטן, כּדי צו געבן דעם לייענער כאָטש איין באַקאַנטן פּונקט, וואָס זאָל אים אילוזאָריש דינען ווי אַן אָנשפּאַר. אַזוי געשעט אויך אין ליד "אַספּעקטן" מיט די שורות "צעטרייסלט מײַן טווונג", "דורכזיכטיק מײַן טווונג", "אויסגעטאָן מײַן טווונג", וואָס דאַרפֿן זײַן די אַקס פֿון ליד.

אָבער וואָס פֿאַר אַן אָנשפּאַר קענען געבן אַזעלכע שורות? ווי אַזוי דערגייט מען צו דעם באַטײַט פֿון דער טווונג? די קלאָרע פּאַראַלעליזמען פֿון ליד זענען אין סתּירה מיט דער טונקלקייט פֿון זײַן באַטײַט. "צעטרייסלט מײַן טווונג" קען מען טײַטשן ווי: ניט געאייניקט, סתּירהדיק, איבערגעשראָקן, אומפֿאַרשטענדלעך. "ווי דער זאַמד פֿון זייגער/ בײַם ברי פֿון שאָס" — ברענגט אפֿשר אַרײַן דעם באַטײַט פֿון צײַט, דעם באַטײַט פֿון אַ פּלוצעמדיקן אָנגרײַף. אפֿשר איז דער אימאַזש אויך פֿאַרבונדן מיט מלחמה, אפֿשר גאָר פֿון אַ פּערזענלעכער מלחמה? "ווי דער דנאָ פֿון אויג/ בײַ פֿאַרשטיינערטע צונגען" — מיינט דאָס אָרט ווו מע זוכט דעם אמת און פֿון וואַנען מע קוקט אַרויס — אין דעם פֿאַל — אויף אַ גרויליקער פֿאַרשטומטקייט, דאָס אָרט וואָס זײַן צעטרייסלונג דינט ווי אַ פֿאַרגלײַך.

ריכטיקער וועט אָבער זײַן ניט צו בויען קיין אַנעקדאָטן אַרום ליד, און בלויז אָנווײַזן, אַז דאָס ליד גופֿא איז צעטרייסלט, ווי די טווונג וואָס מע זוכט צו געשטאַלטיקן. יעדער אימאַזש און יעדע סטראָפֿע שיקן אָפּ דעם לייענער צו פֿאַרשיידענע ריכטונגען און קניפּן צונויף פֿראַגמענטן פֿון אַנדערשטיקע רעאַליטעטן. "דורכזיכטיק מײַן טווונג" קען אײנצײַטיק דערפֿירן צו פֿאַרקערטע פּירושים, ווי עס געשעט אַ סך מאָל אין רינצלערס לידער. צי מיינט "דורכזיכטיק" קלאָרקייט, צי מיינט עס זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייט, וואָס דאַרף ניט קיין פּירוש, ווי "דער אָטעם פֿון קַיִן אין דער ברוסט פֿון מײַן ברויט"? אָדער מיינט אפֿשר "דורכזיכטיק" דאָס, וואָס מע קען ניט זען, וואָס איז פֿאַרבאָרגן ווי "דער אָטעם פֿון קַיִן אין דער ברוסט פֿון מײַן ברויט"?

דער לייענער בלײַבט בײַם ראַנד פֿון בלויזן, וואָס צעעפֿענען זיך ברייט צווישן איין אַרויסזאָג און דעם צווייטן. נאָר די דאָזיקע אַרויסזאָגן פֿאַרמאָגן אַ קאַטעגאָרישן טאָן פֿון געפּסקנטע אמתן. איטלעכס וואָרט ווערט באַטאָנט, ווי עס וואָלט געווען באַזונדערש טײַער.

אַבֿרהם רינצלער האָט געהאַלטן, ווי מיר דערוויסן זיך פֿון מלך ראַוויטש, אַז פּאָעזיע דאַרף מען אויסהאַקן אין שטיין, ווי מע האָט עס געטאָן אין אַמאָליקע צײַטן, עס זאָל אָנקומען שווער דאָס שרײַבן און שווער דאָס דעשיפֿרירן[3]. דאָס פֿאַרבינדט זיך מיט זײַן נטיה צו צימצום און מיט דער וויכטיקייט וואָס עס באַקומט בײַ אים דער מאַטעריעלער אַספּעקט פֿון ווערטער. אַ סך מאָל ציִען די קלאַנגען וואָרט צו וואָרט ווי זיי וואָלטן זיך בלינדערהייט געפּאָרט, און ערשט שפּעטער איבערראַשט מיט די באַקומענע באַטײַטן, ווי גלײַך די ווערטער וואָלטן זיך געלאָזט פֿון זיך אַליין אויפֿן "גלײַכן" וועג, ווי למשל "איז אומעט אומעטום", "אָ, די אײַנגעמויערטע מורא", אָדער "וואַרעמער וווּנדיקער וווּנדער־אוניווערס". דער פּאָעט פֿירט דאָ ניט קיין שׂכלדיקע שפּיל. דעריבער איז וויכטיק צו באַמערקן יענע אַליטעראַציעס, וואָס זענען ניט אַזוי קענטיק, ווו די צוציִונג־קראַפֿט איז פֿאַרבאָרגענער.

רינצלערס שפּראַך איז ניט נאָר אויסגעהאַקט אין שטיין, זי ווערט אויך כּסדר איבערגעהאַקט. די בלויזן באַאומרויִקן דעם לייענער. די אימאַזשן שטייען איטלעכער פּאַר זיך און שטעלן זיך אַנטקעגן די באַמיִונגען זיך צו פֿאַרבינדן. דער געבוי איז אַ סך מאָל אומלאָגיש און ער שאַפֿט אַן עפֿעקט פֿון אָפּגעריסנקייט, פֿון אַ מאָדנער שטילקייט, אין וועלכער די ווערטער שטעלן זיך אַנדערש צונויף, ווי גלײַך מע וואָלט דערבײַ אַרויסגעצווונגען אַן אומבאַקאַנטע פּערספּעקטיוו. אַזוי קען באַשריבן ווערן דער פּאָעטישער רעגיסטער פֿון דער שריפֿט, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם פּאָעטישן רעגיסטער פֿון דער שטים[4].

אין רינצלערס מאָדערניסטישע לידער הערן מיר, בדרך־כּלל, ניט קיין קול, ניט קיין מוזיק, וואָס שטראָמט מיט אַ המשכדיקייט און וואָס מע קען פֿאַרבינדן מיט גרייטע זעונגען. די דאָזיקע לידער לאָזן אונדז ניט דערזען קיין געשטאַלט הינטער דעם קול. מיר זעען בלויז די שריפֿט. אין אָט דער שריפֿט רירט די שפּראַך אָן דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אָנרירן. די שפּראַך פֿאַרמעסט זיך כּסדר מיט דעם, וואָס לאָזט זיך ניט דעריאָגן. מיר מוזן צוגיין צו אָט דער שריפֿט דורך נעגאַטיווע וועגן, דורכן באַשרײַבן דאָס, וואָס איז ניט פֿאַראַן, וואָס ווערט איבערגעקערט. די ריסן אין רינצלערס טעקסט, די באַוועגונגען וואָס ווילן אָפּמעקן דאָס פֿון פֿריִער פֿאַרשריבענע, זאָגן עדות אויף אַן אומבאַקאַנטן שטח, אַ ממשות וואָס איז פֿאַר אונדז "דורכזיכטיק" (כּדי צו באַניצן רינצלערס וואָרט), סײַ ווײַל עס ווירקט אויף אונדז מיט דער שאַרפֿסטער קלאָרקייט, סײַ ווײַל מיר קענען עס ניט באַנעמען, אַ ממשות וואָס בײַסט זיך און שנײַדט זיך אַרײַן, וואָס איז טאַקע "דער אַקער פֿון וואָר אין דעם סטעפּ פֿון שאָטן".

אין זײַן אַרטיקל "וואָרטשאַפֿט", שטעלט טאַקע אַוועק רינצלער אין צענטער פֿון זײַן אידעע דעם באַגריף "וואָרטשריפֿט", באַטאָנט דורך ספּעציעלע אותיות, און צווישן די נעמען פֿון זײַנע לידער, חזרט זיך איבער דרײַ מאָל דאָס וואָרט "אינסקריפּציע".

אין דער פּאָעזיע פֿון דער שריפֿט רוקט זיך אַ סך מאָל אַרויס דער גראַפֿישער אַספּעקט פֿון ליד. די שורות זענען אָפֿט אויסגעשטעלט גראַפֿיש פֿאַרקערט, איבערגעדרייט דאָס אָרט, וואָס דאַרף בלײַבן ליידיק. ציִען די שורות צו איין פּונקט, צו וועלכן מיר ווילן דערגיין? צי שלאָגן זיך די שורות אָן אין דער וואַנט פֿון שטילקייט, וואָס מע קען ניט דורכדרינגען דורך איר?

די לעצטע סטראָפֿע פֿון ליד "אַספּעקטן", ווו די באַטײַטן לייקענען איינע די אַנדערע, פֿירט אונדז אַרײַן אין געשיכטע. דער איך וואָס זוכט זײַן זינען, שלײַדערט זײַן שאלה אויך אויף געשיכטע, אויך אויף דער וועלט. אַזוי ווי דער פּאָעט נידערט אַראָפּ אין זײַנע אייגענע טיפֿעניש, אַזוי לאָזט ער זיך אויך אַראָפּ צוריק צו דער ערשטיקייט, בײַם אָנהייב פֿון די צײַטן. אין ליד "קַיִן" לייענען מיר:

און אין אורשטויב
וועלן ווידער שלענגלען זיך די וועגן
צו די מאַלפּע־מאַמעדיקע דנאָען.

(די גאָלדענע קייט 13, 1952)

און אין ציקל "מחילות" לייענען מיר:

וואַקס אַרײַן אין די שטאַמען.
(...)
דראַפּע זיך אַרויף
צו דײַנע מאַמישע ביינער
און סע זאָל דיר ניט באַנגען.

(יונג־ישׂראל, 1957)

"מחילות" איז אַ ציקל פֿון פֿיר לידער, וואָס זענען נומערירט פֿאַרקערט: פֿון דרײַ צו נול. פֿאַר וואָס עפּעס זענען זיי נומערירט פֿאַרקערט? — פֿרעגט מיט ביטול וואַרשאַווסקי (אַליאַס באַשעוויס). איך וואָלט געענטפֿערט: ווײַל אין רינצלערס לידער גייט מען, דראַפּעט מען זיך, שווימט מען און מע פֿאַרשווינדט — אויף אינעווייניק. ווי למשל אין ליד "סדום".

גלאָז־לאַנד באַוואַקסן מיט ים.
דער הימל סטיליזירט אין מיר
אַ שוועבל־צײַט. טיף אין זאַמד־
נעצן פֿאַרשפּונען מאַטערט זיך
א מאַטע זון. אירע ברעגן
ברענען זיך ביז מײַנע
ביינער צו.
אַ לויב דעם ליכט־אָטעם
פֿון דער אָן־שעה.
אין אַ וואַסער־האַנט מײַן בילד:
פּנים־פֿלאַכן שווימען פֿון די ראַנדן
צו די דנאָען פֿון דערמאָנונג.

(יונג־ישׂראל, 1956)

אין ליד "סדום" שאַפֿט די נײַ־אויגיקייט אַ לאַנדשאַפֿט, דערפֿירט זי צו אַ מעמד פֿון שפּיגל, און פֿאַרוואַנדלט זי אין אַ באַוועגונג פֿון פֿאַרטיפֿטער אַליין־דערקענונג. די דערמאָנונג קוקט אַרויס פֿון די סדומישע דנאָען און אַלץ בליצט אויף אין איין רגעדיקן "ליכט־אָטעם" וואָס אין אַן "אָן־שעה".

אָט דאָס ליד קען דינען ווי אַ מעטאַפֿאָר פֿון דעם, וואָס רינצלערס פּאָעזיע אַנטפּלעקט: אַזוי שווימען און צעגיסן זיך די אמתן, וואָס שטראַלן אַרויף ווי אויף אַ "וואַסער־האַנט". דאָס איז דער מהות פֿון אַ וויסן, וואָס געדויערט אַ רגע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן עס ניט. דערפֿאַר טאָר מען די לידער ניט פֿאַרשליסן דורך אַ מעשׂה; צו מאָל קען מען זיי בכלל ניט עפֿענען. אויב מע זוכט דעם שליסל צו רינצלערס לידער, געפֿינט מען אים אין די לעצטע שורות פֿון ציקל "PRELUDES".

זאָלן די שליסל־לעכער אויסבלוטיקן.
ציגל נאָך ציגל.
די טיר (אָן מיר)
וועט פֿאַרבלײַבן
אַ ליידיקע לעגענדע.

(יונג־ישׂראל, 1954)

רינצלערס לידער עפֿענען בלויזן, וואָס איך קען זיי ניט פֿאַרמאַכן, אָבער זיי ציִען און רייצן. אפֿשר זענען טאַקע די ליידיקע לעגענדעס די רײַכסטע — ווײַל זיי זענען דאָך די דאָרשטיקערע?

## הערות

1. משה יונגמאַן, "דרײַסיק יאָר יונג־ישׂראל", די גאָלדענע קייט 108, 1982, זז' 59-66.
2. אַבֿרהם ריצנלער, "ראַנדן. וואָרטשאַפֿט" יונג־ישׂראל, 1956, ז' 58.
3. מלך ראַוויטש, מײַן לעקסיקאָן, מאָנטרעאָל 1958, זז' 403-404.
4. Michel Sandras, "La voix, l'écrit. Approche du texte poétique, **Littérature** 59 (1985), pp. 48-56.

## ווען די שרײַבער־גרופּע יונג־ישׂראל איז געווען יונג...



בעת דער גרינדונג פֿון יונג־ישׂראל, יגור 1951. פֿון רעכטס אויף לינקס: אַבֿרהם רינצלער, רחל פֿישמאַן, אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, יאָסל בירשטיין, אַבֿרהם סוצקעווער, רבֿקה באַסמאַן, משה גורין, משה יונגמאַן צבֿי אײַזנמאַן, שלמה וואָרזאָגער.